


# גרייט זיך פאר אייער טשיילד סופארט אפוינטמענט

## איידער אייער אפוינטמענט

פארענדיגט די פאלגנדע צוויי שריט:

**1** **פילט אויס, שרייבט אונטער, און שיקט צוריק די טשיילד סופארט איינשרייבונג בויגן אינערהאלב** **<u>10 טעג</u>** פון ערהאלטן די מעילינג פעקל. עס וועט נעמען אומגעפער 30 מינוט. עס זענען דא צוויי וועגן עס צייטליך צוריקצושיקן.

**אויסוואל 1:** גרינגסטע | דאנלאוד די טשיילד סופארט מאביל עפפ דאן פילט אויס און געבט אריין די בויגן.

דאנלאוד די NYC HRA טשיילד סופארט עפפ אומזיסט פון די עפפ געשעפט אדער גוגל פלעי. אויב איר ווילט נאך אינפארמאציע וועגן די אייגנשאפטן פון די מאביל עפפ, באזוכט אונזער וועבזייטל אויף [nyc.gov/childsupportmobile](nyc.gov/childsupportmobile).

אויב איר געבט אריין אייער איינשרייבונג בויגן דורך די מאביל עפפ, קענט איר אויך אפלאודן קאפיעס פון שטיצנדע דאקומענטן דורך נוצן די עפפ.

**אויסוואל 2:** פילט אויס די בייגעלייגטע איינשרייבונג בויגן אדער דאנלאוד איינס פון די וועבזייטל און געבט עס אריין.

צו דאנלאוד'ן א בויגן, גייט צו https://on.nyc.gov/custodialparent און קוקט פאר די טשיילד סופארט איינשרייבונג בויגן אדער נוצט די QR קאוד צו די רעכטע זייט.

ווען איר פארענדיגט די איינשרייבונג בויגן, געבט עס אריין דורך אימעיל, פערזענליך, אדער דורך די פאסט.

1) אימעיל די בויגן צו dcse.cseweb@dfa.state.ny.us , מיט די טעמע ליניע "טשיילד סופארט איינשרייבונג בויגן";

2) ברענגט די איינשרייבונג בויגן צו די טשיילד סופארט סערוויסעס אפיס אין די בארא וואו איר וואוינט. לאקאציעס קען מען טרעפן ביי http://bit.ly/CSoffices; אדער

3) שיקט די בויגן דורך פאסט צו:
OCSS, PO Box 830
Canal Street Station
New York, NY 10013

האלט א קאפיע פון אייער פארענדיגטע, אונטערגעשריבענע בויגן און ברענגט עס מיט אייך צו די אינטערוויו.

קאפיעס און איבערזעצונגען פון דאס און אלע רעפערירטע דאקומענטן זענען אוועילעבל אויף **https://on.nyc.gov/custodialparent** אדער נוצט די QR קאוד אונטן.

## איידער אייער אפוינטמענט (פארגעזעצט)

**!** איידער איר גייט צו אייער אפוינטמענט, ביטע ליינט סיי "**LDSS-4279 מעלדונג פון פאראנטווארטליכקייטן און רעכטן פאר סופארט**" און "**W-280a אינפארמאציע פאר אלע מעגליכע טשיילד סופארט אפליקאנטן איבער באקומען טשיילד סופארט זיכערערהייט**". אויב איר האט סיי וועלכע זיכערהייט זארגן נאכן ליינען די דאקומענטן, ביטע פארבינדט זיך מיט אייער FIA ארבעטער, וועלכע וועט אייך רעפערירן צו אן HRA דאמעסטישע געוואלדטאט לעיזאן. צוזאמען קענט איר באשליסן אויב טשיילד סופארט איז זיכער פאר אייך און אייער פאמיליע.

**2** **נעמט צאם און געבט אריין שטיצנדע דאקומענטן צוזאמען מיט אייער טשיילד סופארט רעפערעל בויגן** סע איז גוט אפילו אויב איר האט נישט אלע דאקומענטן. שיקט וואס איר האט אוועילעבל מיט אייער פארענדיגטע אפליקאציע. אויב איר זענט נישט זיכער אדער איר האט נישט די דאקומענטן וואס איר דארפט, וועלן מיר אייך לאזן וויסן בשעת די אינטערוויו.

- ☐ פארענדיגטע טשיילד סאפארט איינשרייבונג בויגן מיט אונטערשריפט;
- ☐ געבורטס סערטיפיקאט פאר יעדן קינד, אויב נישט פריער אריינגעגעבן צום HRA;
- ☐ סיי וועלכע דאקומענטן וואס ציגן ווער דער פאטער אדער אנגעבליכע פאטער איז, אויב אוועילעבל
- ☐ הייראט סערטיפיקאט, גט דערקלערונג אדער שיידונג פאפירן, אויב שייך;
- ☐ לעצטיגע בילד פון די עלטערן;
- ☐ דאקומענטן וואס ציגן די אנדערע עלטערן'ס (נאן-קאסטאדיעל עלטערן'ס) סאושעל סעקיוריטי נומער און פארדינסטן; **און**
- ☐ סיי וועלכע דאקומענטן וואס קענען העלפן OCSS געפינען די אנדערע עלטערן.

ברענגט סיי וועלכע דאקומענטן וואס קענען העלפן OCSS געפינען די אנדערע עלטערן.

- ☐ די אנדערע עלטערן'ס אדרעס, טעלעפאן נומערן און ארבעטסגעבער'ס אינפארמאציע.
- ☐ די אנדערע עלטערן'ס דאטום און פלאץ פון געבורט און עלטערן'ס נאמען.

מאכט זיכער צוצולייגן אייער נאמען, געבורט'ס דאטום און קעיס ID אויף אלע דאקומענטן אריינגעגעבן.

## אויפ'ן טאג פון די אפוינטמענט

- <u>אויב איר האט א פערזענליכע אינטערוויו</u>, ביטע שרייבט זיך איין ביים אינטעיק פענסטער ווען איר קומט אן. ברענגט א קאפיע פון די פארענדיגטע טשיילד סופארט רעפערעל בויגן וואס איר האט אריינגעגעבן. ווי אויך, ברענגט א קאפיע פון אלע שטיצנדע דאקומענטן און אלע אנדערע זאכן וואס איר האט געטראפן נאך איר האט אריינגעגעבן אייער פעקל.
- <u>אויב איר האט א טעלעפאן אפוינטמענט</u>, ביטע זייט גרייט צו ענטפערן אייער טעלעפאן. איר וועט מעגליך נישט דערקענען אונזער אריינקומנדע טעלעפאן נומער.
- אויב איר דארפט דאלמעטשינג סערוויסעס, זאגט פאר אייער קעיס ארבעטער.
- אין דורכשניטליך, וועט אן אפוינטמענט געדויערן אומגעפער 1 שעה, געוואנדן אויף אייער קעיס.

## פראגעס?

אויב איר האט נאך פראגעס וועגן אייער טשיילד סופארט אינטערוויו אדער ווילט רעדן צו איינעם וועגן אייער קעיס, ביטע באזוכט אדער פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע בארא אפיס. טרעפט אייער לאקאלע בארא אפיס אויף https://on.nyc.gov/contactocss.

קאפיעס און איבערזעצונגען פון דאס און אלע רעפערירטע דאקומענטן זענען אוועילעבל אויף **https://on.nyc.gov/custodialparent** אדער נוצט די QR קאוד אונטן.